קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה וסיפורי קודש
מאת כבוד קדושת מרן
**רבינו אברהם מנחם מענדל וואגשאהל** זי"ע
**אדמו"ר משינאווא**

## ויגש

גליון י"ט - שנת תשפ"ד לפ"ק

· **אידיש** ·

יו"ל ע"י

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
**שינאווא**

כל הזכויות שמורות

## וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי וְאַל יִחַר אַפְּךָ בְּעַבְדֶּךָ כִּי כָמוֹךָ כְּפַרְעֹה.

**רש"י** זאגט עטליכע פשטים אויף 'כי כמוך כפרעה': "**חשוב אתה בעיני כמלך זה פשוטו. ומדרשו סופך ללקות עליו בצרעת וכו' דבר אחר כי כמוך כפרעה אם תקניטני אהרוג אותך ואת אדוניך**" - פשוט פשט איז עס א כבוד וואס יהודה איז אים מכבד, אז ער איז ביי אים אזוי חשוב ווי דער קעניג, און לויטן דרש, איז עס פונקט פארקערט, אז טאמער דו וועסט מיר ברענגן לידי כעס וועל איך הרג'ענען דיר צוזאמען מיט דיין אויבערהאר פרעה.

**א)** לכאורה איז שווער דער לשון '**אם תקניטני**' - אויב דו וועסט מיר דערצערענען. ער וואלט געדארפט זאגן: "גיבסטו מיר אהער בנימין'ען איז גוט, און אויב נישט וועל איך דיר הרג'ענען!". עס דארף דען דא געשען נאך עפעס - אז ער זאל ווערן קודם אויפגערעגט און ערשט דעמאלט וועט ער אים הרג'ענען?

**ב)** אויך איז שווער דער לשון 'אם תקניטני', כאילו ער וועט ווערן אונטערגעצינדן און זיך נישט קענען איינהאלטן. דער הייליגער יהודה וועט דען גיין הרג'ענען איינעם מתוך כעס? טאמער ער וועט אים הרג'ענען - וועט עס דאך זיכער זיין מיטן גאנצן 'ישוב הדעת', וואס ער האלט אז עס קומט זיך אים מצד הדין, און נישט צוליב א מדה פון כעס?

**ג)** אויך איז שווער: געווענליך ווען איינער סטראשעט, גיבט ער בלויז א ווארענונג, און דערנאך טוט ער למעשה. נו, טאמער האט יהודה געסטראשעט, אז ער איז גרייט צו הרג'ענען יוסף'ן און פרעה, נו, פארוואס איז ער אזוי לאנג מאריך מיט אזויפיל פסוקים וואו ער בעט זיך בתחנונים? זאל ער ארויסנעמען זיין שווערד און טון למעשה?

**ד)** ווייטער שטייט: "**כִּי עַבְדְּךָ עָרַב אֶת הַנַּעַר מֵעִם אָבִי לֵאמֹר אִם לֹא אֲבִיאֶנּוּ אֵלֶיךָ וְחָטָאתִי לְאָבִי כָּל הַיָּמִים**". ביז אהער האט ער מסביר געווען פאר יוסף'ן באריכות, דעם געוואלדיגן צער וואס דער פאר'צרה'טער טאטע וועט האבן - אויב בנימין וועט נישט צוריק קומען מיט זיי. און דאס איז לכאורה א זאך וואס דארף שטארק מעורר רחמים זייןביים מלך. אבער

וואספארא טענה האט ער דא געהאט - וואס יוסף זאל זיך דארפן רעכענען דערמיט - מיט דעם וואס ער האט גענומען 'ערבות' אויף בנימין?

**ה)** ווייטער שטייט: "**וְלֹא יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק לְכֹל הַנִּצָּבִים עָלָיו**". רש"י זאגט פשט, אז ער האט נישט געקענט אויסהאלטן דעם בזיון וואס די ברידער וועלן האבן פון די מצריים, בשעת ווען ער וועט זיך מגלה זיין צו זיי. אבער דער אור החיים הק' טייטשט עס כפשוטו: יוסף האט שוין נישט געקענט איינהאלטן אין זיך די געפילן צו די ברידער, נאר ער האט זיך **שוין** געמוזט מגלה זיין צו זיי. לכאורה זעט אויס, אז דאס איז נתעורר געווארן ביי אים, דורך די לעצטע ווערטער וואס יהודה האט געזאגט "**כִּי עַבְדְּךָ עָרַב אֶת הַנַּעַר**", ווייל ביז אהין האט ער זיך נאך געקענט איינהאלטן. לכאורה דארף מען פארשטיין, יהודה האט דאך פריער גע'טענה'ט אסאך שטארקערע טענות, אז ער זאל רחמנות האבן אויפן צובראכענעם טאטן, נו, פארוואס פונקט פונ'ם "**כִּי עַבְדְּךָ עָרַב אֶת הַנַּעַר**" איז יוסף אזוי נתעורר געווארן?

**ו)** אין מדרש שטייט (ב"ר צג, ג): "**ויגש אליו יהודה כתיב תַּפּוּחֵי זָהָב בְּמַשְׂכִּיּוֹת כָּסֶף וכו' כך היו דבריו של יהודה נראים לכל צד בשעה שדבר עם יוסף**" - פונקט ווי די גאלדענע קנעפ זענען באדעקט און באהאלטן מיט זילבער, אזוי איז אויך געווען די ווערטער פון יהודה באהאלטן, און מען האט עס געקענט אויסטייטשן אויף פארשידענע זייטן. לכאורה דארף מען פארשטיין די כונה, יהודה האט דאך דא גערעדט זייער קלאר און אפן, וואו זעט מען אז ער זאל עפעס באהאלטן? און פארוואס כאפט ער אן פונקט א משל פון גאלד און זילבער?

**ז)** ווייטער שטייט: "**וַיֹּאמֶר אֲנִי יוֹסֵף אֲחִיכֶם אֲשֶׁר מְכַרְתֶּם אֹתִי מִצְרָיְמָה וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ**" - איך בין אייער ברודער יוסף וואס עטץ האט מיר פארקויפט קיין מצרים, און יעצט זייט נישט טרויעריג דערויף. לכאורה איז שווער, פארוואס זאגט ער נאכאמאל איבער 'אני יוסף', עס שטייט דאך שוין אינעם פריערדיגן פסוק?

**ח)** אויך איז שווער: וואס איז דער '**ועתה**' אל תעצבו? וואס האט זיך יעצט געטוישט פון פריער, אז זיי דארפן שוין נישט זיין טרויעריג אויף דער מכירת יוסף וואס זיי האבן געטון?

### שורש הכעס פון צדיקים: 'א-ל זועם בכל יום'

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. עס שטייט א ווארט פונעם הייליגן בעלזער רב (מהר"י, פרשת פנחס) זי"ע, וואס ער פרעגט: די צדיקים דארפן דאך צומאל נוצן די מדה פון כעס; ווי די גמרא זאגט (ברכות ה.): "לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע", נו, פון וואנעט נעמען זיי די מדה פון כעס? ענטפערט ער: זיי נעמען עס פון דאס וואס עס שטייט אין פסוק (תהלים ז, יב): "וְאֵל זֹעֵם בְּכָל יוֹם" - דער אייבערשטער צערנט יעדן טאג. און פון דעם שורש נעמען די צדיקים זייער כעס דקדושה.

### דער צדיק ווערט נישט בכעס ביי זיינע אייגענע ענינים

**עס** קען זיין, אז כדי א צדיק זאל טאקע נעמען זיין כעס פון אזא הויכן שורש, פון כביכול'ס כעס - מוז ער זיין א געוואלדיגער סבלן, וואס ער ווערט קיינמאל נישט אין כעס פאר זיינעט וועגן! אפילו ווען מען פארשעמט אים און מען פייניגט אים - ווערט ער נישט אין כעס! און בלויז ווען עס קומט זיך אנצונעמען פארן כבוד שמים, נאר דעמאלט ווערט ער אין כעס, אזא איינער נעמט טאקע זיין כעס פונעם שורש פון 'א-ל זועם'. אבער אויב קען ער ווערן אין כעס אויך פאר זיינע אייגענע אינטערעסן, איז שוין זייער שווער אז אזא מענטש זאל טאקע קענען נעמען 'כעס דקדושה' פון אזא הויכן שורש, ווייל זיין מדת הכעס איז שוין נישט אינגאנצן ריין.

### ביי א ספק: פארלאזט ער זיך אויף הנהגת ה'

**יעדעס** מאל וואס אזא צדיק איז מסופק אויף אן ענין פון כעס, צי ער מיינט טאקע ריין לשם שמים, אדער ער מיינט עפעס 'זיך' - לאזט ער דאס אויף הנהגת ה'. דאס הייסט, ער מצדו ברענגט זיך נישט אריין אין קיין כעס, נאר אויב ער זעט אז ער ווערט 'פון זיך אליינס' אין כעס, דעמאלט ווייסט ער אז דא האט מען אים געגעבן א כעס פון הימל, פונעם שורש פון 'א-ל זועם', און דעמאלט ווייסט ער אז דאס איז א ריינער כעס דקדושה פארן כבוד שמים.



### יהודה האט חושש געווען אז ער מיינט 'זיך'

**דא** ביי אונזער פרשה, איז אויך געווען אזא סארט ענין: וויבאלד יהודה האט זיך געהאט אונטערגענומען 'ערבות' אויף בנימין'ען, איז ער שוין געווארן מסופק צי ער מעג יעצט ווערן אין כעס, ווייל עס קען דאך אפשר זיין אז

ער מיינט נישט אינגאנצן דעם טאטן, נאר ער מיינט אויך 'זיך', אז ער זאל נישט פארלירן ביידע עולמות, און אויב אזוי איז דאך עס נישט קיין 'כעס דקדושה'. און דעריבער האט יהודה באשלאסן, אז ער פון זיין זייט וועט זיך נישט אריינברענגען אינעם כעס, נאר ער וועט עס לאזן וויאזוי מען וועט אים פירן פון הימל.

טאמער וועט אין מיר נתעורר ווערן א כעס – איז א סימן אז איך מיין בלויז לש"ש

**דאס** האט ער געזאגט פאר יוסף: "**חשוב אתה בעיני כמלך**" - ביי מיר ביסטו חשוב ווי א קעניג. דאס הייסט, איך מצדי בין איך דיר מכבד און איך וועל רעדן צו דיר בדרך כבוד. אבער דו זאלסט וויסן: "**אם תקניטני**" - אויב וועל איך פון זיך אליינס אריינקומען אין א כעס - דעמאלט איז א סימן אז פון הימל האט מען מיר געגעבן א הייליגן כעס פונעם שורש דקדושה - און אויב אזוי, "**אהרוג אותך ואת אדוניך**" - וועל איך דיר הרג'ענען! ווייל דעמאלט איז א סימן אז איך מיין גארנישט 'מיר', נאר איך מיין אינגאנצן דעם טאטנ'ס כבוד.

בהגיגי תבער אש: דורכן רעדן האט ער געוואלט ערוועקן דעם כעס דקדושה

**און** דערנאך האט יהודה אנגעהויבן אויסצושמועסן פאר יוסף'ן דעם געוואלדיגן עולה וואס ער באגייט דא מיט דעם וואס ער האלט בנימין ביי זיך און ער רעכנט זיך נישט מיט דעם אלטן טאטן וואס ער האט שוין מיטגעמאכט אזויפיל צרות אין זיין לעבן. און מיט די דיבורים האט ער געוואלט אויפטון צוויי זאכן, איינס, ער האט געוואלט מעורר זיין רחמנות ביי יוסף'ן, אז ער זאל ארויסלאזן בנימין'ען מיט שיינעם. און צווייטנס, יהודה האט געוואלט זען, צי דורכן אויסשמועסן באריכות דעם מורא'דיגן עולה וואס ער טוט דא - וועלן די דיבורים מעורר זיין אן 'אתערותא דלתתא', אז פון הימל זאל מען אים אריינגעבן אין הארץ א 'כעס דקדושה', און דעמאלט וועט ער אים מעגן הרג'ענען, וויבאלד מען האט אים געשיקט דעם כעס פון הימל.

די באהאלטענע כונה פון 'כעס'

**דאס** זאגט דער מדרש: "**תַּפּוּחֵי זָהָב בְּמַשְׂכִּיּוֹת כָּסֶף**". עס איז דאך באקאנט (דרך פקודיך מצוה נו, ועוד הרבה) אז 'זהב' ווייזט אויף 'גבורה' און 'כסף' ווייזט אויף 'חסד'. דא האט יהודה גערעדט צו יוסף אזעלכע דיבורים, וואס פונדרויסן האט עס אויסגעזען ווי 'כסף', שיינע דיבורים פון פיוס און תחנונים, אבער אינעווייניג איז געליגן דערין א באהאלטענע כונה פון 'זהב', וואס ער האט געוואלט מיט דעם מעורר זיין דעם 'כעס דקדושה' און אויספירן א פעולה פון 'גבורה', אים צו הרג'ענען. אבער למעשה, האט מען אים נישט געשיקט קיין כעס פון הימל, וויבאלד מען האט טאקע נישט געוואלט, אז ער זאל הרג'ענען יוסף הצדיק.

איך וויל זיך נישט ברענגען לכלל כעס

**ווי** יהודה האט געזען, אז כאטש ער רעדט אזויפיל דיבורים, דאך ווערט נישט נתעורר אין אים קיין שום כעס אויף יוסף, האט ער פארשטאנען לשיטתו, אז דאס איז צוליב דעם וואס ער מיינט עס נישט ריין בלויז פארן טאטן, נאר ער מיינט אויך זיין אייגענע טובה. און דעריבער האט ער געזאגט פאר יוסף: דו ווייסט פארוואס איך בין נישט מקיים דעם 'אהרוג אותך ואת אדוניך', און איך הרג'ע דיר נישט? ווייל "**כִּי עַבְדְּךָ עָרַב אֶת הַנַּעַר מֵעִם אָבִי לֵאמֹר אִם לֹא אֲבִיאֶנּוּ אֵלֶיךָ וְחָטָאתִי לְאָבִי כָּל הַיָּמִים**" - וויבאלד איך האב זיך אונטערגענומען צו ווערן פארווארפן פוןביידע עולמות, איז אפשר מיין איך 'זיך', און דעריבער קען איך דיר נישט הרג'ענען.

אזעלכע ריינע מענטשן – טאר איך נישט מצער זיין קיין איין רגע מער!

**ווי** יוסף האט דאס געהערט, איז ער געווארן אינגאנצן איבערגענומען, און ער האט געטראכט צו זיך: "וואספארא הייליגע ברידער האב איך, אז ווי נאר זיי האבן א 'חשש' אז עס איז נישט 'כולו לשם שמים' און אפשר מיינען זיי אויך 'זיך' - ווילן זיי נישט ווערן אין כעס - אפילו ווען עס האנדלט זיך פון א גוי'אישער מלך מצרים! נו אויב אזוי, ווי האב איך געקענט טראכטן, אז זיי האבן מיר גענומען און פארקויפט פאר א קנעכט - בלויז צוליב זייערע אייגענע חשבונות חס ושלום! מה-דאך צו א גוי ווילן זיי גארנישט טון - ווילאנג זיי זענען נישט הונדערט פראצענט זיכער אז זיי מיינען עס ערנסט לשם שמים, איז דאך א קל וחומר אלף פעמים, אז צו זייער ברודער וואלטן

זיי נישט געטון אזא אכזריות ווי אים פארקויפן פאר א קנעכט - אויב זיי וואלטן עס נישט געמיינט הונדערט פראצענט לשם שמים! נו, אויב זענען זיי אזעלכע אידעלעך, נו ווי מעג איך זיי מצער זיין אפילו נאך איין רגע?! די גאנצע זאך פארוואס איך בין זיי מצער, איז דאך נאר כדי זיי זאלן האבן א כפרה אויפן חטא פון מכירת יוסף, אבער יעצט זעה איך אז זיי האבן דאס אודאי געטון מיט אזעלכע הייליגע כוונות לשם שמים, און זיי זענען קדושים וטהורים, נו, אויב אזוי טאר איך זיי נישט מצער זיין קיין איין רגע מער!". און דערפאר: "**וְלֹא יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק לְכֹל הַנִּצָּבִים עָלָיו**"

בשעת די מכירה האט עטץ אויך נאר געמיינט לשם שמים

**און** דעמאלט האט זיי יוסף געזאגט: "**אֲנִי יוֹסֵף אֲחִיכֶם אֲשֶׁר מְכַרְתֶּם אֹתִי מִצְרָיְמָה**" - איך זעה יעצט, אז אפילו בשעת ווען עטץ האט מיר פארקויפט קיין מצרים - "**אֲשֶׁר מְכַרְתֶּם אֹתִי מִצְרָיְמָה**", בין איך געווען "**יוֹסֵף אֲחִיכֶם**" - ענקער ברודער! עטץ האט דאס קיינמאל נישט געטון מיט אכזריות, נאר מיט הייליגע כוונות וואס עטץ האט געוואלט עס זאל ארויסקומען דורכדעם גרויסע זאכן, און אויב אזוי: "**וְעַתָּה**" - יעצט אז עס איז ביי מיר נתגלה געווארן ווי ריין עטץ זענט, "**אַל תֵּעָצְבוּ**" - דארפט איר נישט זיין טרויעריג אויף דער מכירה.

*

מען קען אפשר פארענטפערן די אויבנדערמאנטע קשיות (א-ו) אויף אן אנדערן אופן.

**א)** אין מדרש שטייט (ב"ר צג, ו): "**ויגש אליו וגו' אם למלחמה אני בא, אם לפיוס אני בא, אם לתפלה אני בא**" - יהודה איז געווען גרייט סיי אויף איבערצובעטן, סיי זיך איינצובעטן און סיי אויף מלחמה האלטן. לכאורה האט דאך יהודה פארשטאנען אז דא האנדלט זיך עפעס אן ענין פון 'גלות מצרים' וואס דער אייבערשטער האט שוין גערעדט דערפון ביים ברית בין הבתרים, נו, ווי האט ער געקענט ארויסגיין אין א מלחמה, גלות דארף מען דאך אננעמען מיט הכנעה?

דער צדיק האט בכלל נישט אין זיך 'מדת הכעס'

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. מען האט דאך פריער געברענגט דאס ווארט פון בעלזער רב זי"ע, אז דער כעס פון א צדיק, נעמט זיך פונעם אייבערשטנ'ס כעס כביכול. קומט אויס, אז דער צדיק וואס ארבעט זיך אויס זיינע מדות בשלימות, בלייבט נישט ביי אים בטבע קיין שום נדנוד פון כעס! און ווען דער צדיק איז מקנא קנאת ה' צבקות, איז דאס נישט דער טבע'דיגער כעס וואס סתם מענטשן האבן ווען זיי ווערן גערעגט - ווייל דער צדיק האט דאך דאס אינגאנצן אויסגעריסן פון זיך - נאר דאס איז עפעס א העכערער סארט בריאה פון כעס - וועלכע קומט אראפ פונעם שורש פון 'א-ל זועם בכל יום'. און ממילא, וויבאלד דאס קומט פון אזא הייליגן און הויכן מקור, איז דאס אסאך שטארקער ווי א געווענליכער כעס, און עס איז נישטא קיין שטארקערע זאך ווי דער סארט כעס! קיינער קען זיך נישט אקעגנשטעלן קעגן דעם הימלישן כעס!

ווילאנג מען רעדט פון גשמיות – האב איך דרך ארץ פאר דיר

**דא** ביי אונזער פרשה מיט בנימין'ען, איז דאך עס בפשטות געווען נוגע בלויז פאר א גשמיות'דיגן ענין, אז דער טאטע וועט זיין צובראכן אז בנימין איז נישט צוריקגעקומען מיט זיי אהיים. נו, ווילאנג עס האנדלט זיך פון א גשמיות'דיגער ענין, איז דאך נישט שייך אז יהודה זאל ווערן אין כעס, ווייל ער האט דאך אינגאנצן נישט די דאזיגע מדה אין זיך. און דערפאר האט ער געזאגט: **"כי כמוך כפרעה - חשוב אתה בעיני כמלך"**, דו ביסט חשוב ביי מיר, און איך האב נישט בדעה דיר צו הרג'ענען, ווייל איך ווער נישט אין כעס ווען עס האנדלט זיך פון עניני גשמיות. נאכדערצו, ווען עס איז שוין דא א התחלה פון גלות מצרים, וואס מען דארף דאס אננעמען מיט הכנעה און מען טאר גארנישט פירן קיין מלחמות מיט די גוים וועלכע פייניגן אונז בגשמיות. און דערפאר האט ער אנגעהויבן בלויז מיט 'פיוס' און 'תפלה', און ער האט געהאפט, אז דאס אליינס זאל שוין פועל'ן אויף זיין הארץ, און ער זאל ארויסלאזן בנימין'ען.

אויב וועט עס אויסקלאפן אויף רוחניות – אהרוג אותך ואת אדוניך!

**דא** איז אבער געווען נאך אן ענין וועלכע איז געווען פארבינדן מיט בנימין'ען - וואס דאס איז שוין יא געווען א רוחניות'דיגער ענין, דאס איז

דער ענין פון: **"כִּי עַבְדְּךָ עָרַב אֶת הַנַּעַר מֵעִם אָבִי לֵאמֹר אִם לֹא אֲבִיאֶנּוּ אֵלֶיךָ וְחָטָאתִי לְאָבִי כָּל הַיָּמִים"** - אז יהודה האט געוואוסט, אז אויב וועט ער נישט אהיימברענגען בנימין'ען, וועט ער ווערן פארווארפן פוןביידע עולמות, וואס דאס מיינט, אז עס וועט שאַדטן פארן נצחיות ישראל! ווייל עס דארף דאך פון אים ארויסקומען משיח! און טאמער ווערט ער פארווארפן פון ביידע וועלטן, נו, ווי וועט עס קענען אויסגעפירט ווערן? פון א 'מנודה' קען קיין משיח נישט ארויסקומען! ממילא, האט יהודה געוואוסט ביי זיך, אז אויב וועט עס קומען דערצו, אז יוסף וועט בסופו של דבר נישט מסכים זיין ארויסצולאזן בנימין'ען, דעמאלט וועט זיך זיכער צופלאקערן אין אים אזא כעס דקדושה, וואס גאנץ מצרים מיט אלע זייערע סאלדאטן וועלן נישט קענען זיך אנטקעגנשטעלן קעגן אזא מין כח פון דעם כעס דקדושה וועלכע קומט פון אזא הייליגן שורש. און דעמאלט וועט ער נישט דארפן אננעמען דעם 'גזירת הגלות' מיט הכנעה, ווייל אויב מען שפילט זיך מיטן רוחניות פון כלל ישראל, דארף מען לוחם זיין דערקעגן מיט מסירות נפש; ווי דער מדרש זאגט (ויק"ר לג, ו): "במסים ובארנוניות ובזימיות ובגולגליות את מלך עלינו, אבל לדבר הזה שאתה אומר לנו נבוכדנצר את, ונבכודנצר שמך, את וחד כלב שוין עלינן כחדא" - חנניה מישאל ועזריה האבן געזאגט צו נבוכדנצר: ווילאנג דו רעדסט פון שטייערן און געזעצן, ביסטו דער קעניג אויף אונז, אבער איינמאל דו הייסט אונז טון עפעס קעגן די תורה, ביסטו מיט דיין הונט אייניג ביי אונז. און דערפאר האט ער געזאגט: **"אם תקניטני אהרוג אותך ואת אדוניך"** - אויב דו וועסט באוויזן 'מיר' - וואס איך האב נישט אין מיר קיין שום מדה פון כעס - 'אויפצורעגן', דורכדעם וואס דו וועסט זיך נישט רעכענען מיט מיין 'מנודה משני עולמות', זאלסטו וויסן, אז איך וועל דעמאלט באקומען אזא 'כעס דקדושה' מן השמים, אז איך וועל קענען אויס'הרג'ענען דיר מיט דיין אויבערהאר! קיינער וועט נישט קענען באזיגן אט דעם כח פון כעס דקדושה!



**כי עבדך ערב את הנער: מגודל אהבה פאר'ן נצחיות פון כלל ישראל**

**דאס** איז פשט אין מדרש: **"תַּפּוּחֵי זָהָב בְּמַשְׂכִּיּוֹת כָּסֶף"**. ווי געזאגט, אז 'כסף' ווייזט אויף 'אהבה' און 'זהב' ווייזט אויף 'גבורה'. יהודה האט טאקע ארויסגעגעבן אין דעם "כי עבדך ערב את הנער" - א מורא'דיגן כח פון 'כעס

דקדושה׳. אבער דאס איז נישט געקומען חלילה סתם פון א שורש פון שנאה, נאר פארקערט, דאס איז געקומען פון ׳משכיות כסף׳, פונעם גרויסן ׳אהבת ישראל׳ וואס ער האט געהאט צום כלל ישראל, וואס ער האט זיך געזארגט פאר זייער עתיד, אז כלל ישראל זאל האבן א נצחיות און א גאולה שלימה.

### אויב איז עס נוגע צו רוחניות איז שוין אן אנדערן חשבון

**ווילאנג** יהודה האט גערעדט פון גשמיות׳דיגע חשבונות, אז דער טאטע וועט האבן צער, האט זיך יוסף נישט צוטון געמאכט, ווייל ער האט דאס פריער אויך געוואוסט, און דאך האט ער אפגעהאלטן בנימין׳ען צוליב זיינע חשבונות. אבער ווי נאר יהודה האט געזאגט: ״**כִּי עַבְדְּךָ עָרַב אֶת הַנַּעַר**״ - אז דא האנדלט זיך פון א רוחניות׳דיגן ענין פונעם נצחיות פונעם גאנצן כלל ישראל, דאס האט יוסף נישט געוואוסט פריער. און דאס האט געטוישט די גאנצע זאך.

### ולא יכול יוסף להתאפק: מכח די הייליגע דיבורים פון יהודה

״**וְלֹא יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק**״ - ער האט זיך שוין נישט געקענט מער איינהאלטן פון זיך מגלה זיין צו די ברידער. ווייל איינמאל דער הייליגער יהודה האט אנגעהויבן צו רעדן פון אזא הייליגן ענין פון ׳נצחיות כלל ישראל׳, און ער האט געשריגן בדם לבבו: ״עס מוז דאך זיין א יהודה אויף דער וועלט! דו ווילסט אפהאלטן אזא ענין ווי ׳מלך המשיח׳?״, האט ער מיט די דיבורים מעורר געווען אזא מין קאך און ברען אין יוסף׳ס הארץ, יוסף הצדיק איז אזוי נתעורר געווארן, אז ער האט זיך שוין נישט געקענט איינהאלטן פון ארויסגעבן זיין פנימיות׳דיגן אור! ממילא, האט זיך יוסף מגלה געווען צו די ברידער, און די י״ב שבטי י-ה זענען זיך צוריק צוזאמגעקומען מיט אן אחדות, און יעקב אבינו האט זיך צוריק צוזאמגעטראפן מיט יוסף׳ען, און עס איז געווארן אן אנדערע וועלט! עס איז געווארן ליכטיג אין אלע עולמות! עס איז געווארן א ישועה פארן נצחיות פון כלל ישראל! און אלעס איז געקומען פון דעם וואס יהודה האט זיך אנגעטון מיט א מין ׳קנאות דקדושה׳ וואס האט נישט קיין שיעור און קיין ערך.

די חשמונאים האבן באזיגט מיטן כח פון ׳כעס דקדושה׳

**דאס** איז א זאך וואס מען האט געזען במשך כל הדורות, אז ווען צדיקים האבן געזען, אז די אמונה פון כלל ישראל איז איינגעשטעלט אין א סכנה, זענען זיי אריינגעגאנגען אין א ׳כעס׳ און ׳קנאות׳ מיט מסירות נפש ממש! עס האט געברענט אין זיי א פייער פון אהבת ה׳, וואס האט נישט קיין שיעור און קיין ערך, און מען האט דאס נישט געקענט אויסלעשן בשום אופן! און דאס האט געברענגט ישועות פארן כלל ישראל. און אזוי זעט מען טאקע ביי די חשמונאים מתתיהו ובניו, וואס כאטש זיי זענען טאקע געווען אונטערן ׳גלות יון׳, אבער וויבאלד די יונים האבן געוואלט עוקר זיין די תורה הקדושה פונעם כלל ישראל, האבן זיי זיך נישט מכניע געווען אונטער זיי, נאר זיי האבן געברענט און געפלאקערט מיט א ׳כעס דקדושה׳ - וועלכע שטאמט פונעם ׳א-ל זועם׳ - און מיט דעם כעס זענען זיי געגאנגען און לוחם געווען קעגן זיי! און דורכדעם האבן טאקע די פאר אידעלעך באזיגט די אלע סאלדאטן פון יון, ווייל קעגן אזא שטארקן כח פון כעס דקדושה - וואס האט אזא הויכן שורש קדוש פון ׳א-ל זועם׳, קען זיך קיינער נישט קעגנשטעלן און דאס באזיגן.

## דברי כיבושין

**יא**, ווען מיר האבן געהאט די זכיה, איז [טאקע] אזוי געווען. [דורכאויס] דעם גאנצן גלות אמעריקע, [מיט] אלע נסיונות וואס איז דא [דערין], וואס אונז גייען מיר אדורך. שוין יארן, יארן נסיונות, וואס אידישע קינדער ווערן מנוסה [מיט] א ביטערע שווערע נסיון [פון ציונות], וואס האט נישט קיין שיעור און קיין ערך.

**ווען** דער נסיון האט זיך מתגבר געווען, איז געקומען דער הייליגער יהודה [רבינו הקדוש מסאטמאר זי״ע], און ער האט געשריגן: ״כי עבדך ערב את הנער״, זאלסט וויסן עס האנדלט זיך דא אין דעם ענין פונעם גאנצן ׳קץ׳! פון [דער] גאנצער אמונה! פון ׳נצחיות ישראל׳! זאלסטו וויסן, ווייטער גייט דאס נישט [קענען אזוי אנגיין]!״. און דעמאלט זענען אידישע הערצער דערהויבן [געווארן], [ער האט] אריינגעגעבן אמונה, ער האט אריינגעבלאזן אמונה

מיט חיות, [אז] מען זאל חלילה נישט ארײנפאלן אין די 'אמונות טפלות', מען זאל נישט חלילה ארײנפאלן אין דעם 'סמיות עינים'.

[א]**מען** מײנט [אויף זײער מיליטער] אז עס קען העלפן, מען איז בלינד! ווער עס ווייסט און ווער עס פארשטייט אביסל, ווייסט מען אז עס איז נעבעך לײדער גארנישט! עס איז א נסיון פארן כלל ישראל. [און] מען דארף רחמי שמים יעדע מינוט און יעדע רגע. מען מאכט א גרויסן טעות יעדער, מיר מאכן אלע טעותים, גרויסע טעותים, [און] מען ליגט אין די ביטערע טעותים, אז מען מײנט אז דאס קען עפעס ארויסהעלפן. מען איז אזוי שוואך [ביי זיך], מיר האבן נישט קיין כוחות [דקדושה], און זיי [די ציונים] מיט דעם גאנצן פרסום און מיט דעם גאנצן אופן [המלחמה], ברענגען זיי ארײן חלילה אין אידישע הערצער חלילה [א מחשבה], אז דאס קען העלפן דאס כלל ישראל, מיט דעם וועט מען געהאלפן ווערן, אויף דעם האט מען געהאפט און דאס וועט זײן אונזער ישועה, עפרא לפומייהו!

**עס** איז לײדער נישט דא די יהודה'ס היינט, עס איז נישט דא די אמת'דיגע יהודה'ס, וואס עס זאל זיי גיין בנפשם: "כי עבדך ערב את הנער", דארף מען אין אזא צייט וויסן אז דאס כלל ישראל ווענדט זיך נאר אין דעם [גואל צדק], און נישט קיין אנדערע ישועה קען זײן. על כל פנים, מען דארף זען אלעמאל צו געדענקען און צו וויסן און זיך חזר'ן די הייליגע ווערטער פון דעם הייליגן יהודה פון דעם רבי'ן זכרונו לברכה. דאס איז 'דברים נצחיים'! די תורה איז א נצחיות.

**איך** געדענק, דער רבי זכרונו לברכה איז געווען ביי א מסיבה, האט ער גערעדט בכלל פון דעם ענין פון [ציונות] און פונעם ענין פון עברית. ער האט דעמאלט גערעדט פון עברית, און ער האט געזאגט: "עס איז אסור! עס איז ממש עבודה זרה!". און ער האט געגעבן א לאז אויס: "אזויווי די תורה איז אמת, אזוי איז דאס אמת!", אזוי האט ער געגעבן א לאז אויס דער הייליגער רבי, נאך די פייער'דיגע דרשה האט ער געגעבן א לאז אויס די ווערטער "אזויווי די תורה הקדושה איז אמת, אזוי איז דאס אמת!". א איד [וואס] קען ארויסזאגן אזעלכע ווערטער!!!

א הי' אז שעת מלחמה בארץ ישראל עם הערביים.

**זעען** מיר דאך ווי קלאר [ער איז געווען], ער האט געהאט לעכטיגע אויגן, עס איז געווען לעכטיגע אויגן, האט ער געזען דעם קלארקייט! ער האט געזען די תורה, די אמת'דיגקייט פון די תורה האט ער געזען! ער האט געזען דעם טובה פארן כלל ישראל, און ער האט געזען וואס ברענגט 'היפוך' [פון גוטס] פארן כלל ישראל! [און] פארדעם האט ער אזויפיל געשריגן און איינגעריסן, ווייל ער האט געזען אז דאס איז נעבעך פארקערט [פון גוטס], אז עס ברענגט נעבעך גאר פארקערט פארן כלל ישראל, במילא האט ער אזוי איינגעריסן.

**איין** זאך קען מען לויבן דעם אייבערשטן, אז לויט ווי מען פארדינט זיך, [וואס] עס שטייט: "אני מתיר [את בשרכם]" - וואס דער רבי ברענגט, נעבעך אזעלכע ביטערע זאכן. [נו, אז] מען הערט [נייעס], דארף מען זאגן: "רבונו של עולם, נישט זיי טוען! נאר דו ביזט אונז מציל - פון דעם וואס חלילה דאס [וואס זיי טוען] האט געקענט ארויסברענגען! [פון די עונשים] וואס דאס איז עלול צו ברענגען! איז יעדן טאג ברוך השם [וואס מען ווערט ניצול], איז דאס איז דער חסד פון אייבערשטן! און דער אייבערשטער זאל העלפן, זיי זאלן ווייטער נישט קענען נאכמער קאליע מאכן, [זיי] זאלן ווייטער נישט האבן קיין שליטה מחריב צו זיין. דאס איז א לויב פארן אייבערשטן. אבער נישט חלילה תולה צו זיין אז זיי העלפן כלל ישראל. עס איז ממש, דער אויג איז מטושטש, אינגאנצן מטושטש ווערט מען.

**היוצא** לנו מזה, אז מען דארף זיך יעדער איד מחזק זיין, בעטן [און] מתפלל זיין, דער אייבערשטער זאל העלפן [אין] דעם זכות פונעם הייליגן רבי'ן, דער מלאך המושיע, דער וואס האט ממש געראטעוועט דאס כלל ישראל. דאס אהבת ישראל [זיינער] איז געווען "תפוחי זהב במשכיות כסף", ער האט געזאגט ווערטער שארפע, אבער עס איז געווען בלויז 'אהבה' מיט 'כסף' ארומגענומען. ווער עס האט געזען און ער האט געהערט, [האט פארשטאנען] אז די אלע שארפקייט, איז געווען ממש אהבה פארן כלל ישראל! ער האט געוואלט אנראטעווען דאס כלל ישראל.

**זאל** דער אייבערשטער העלפן עס זאל נתעורר ווערן רחמים, מיר זענען שוואך, מיר האבן נישט קיין כח. דער אייבערשטער זאל זיך אננעמען פארן

זיין כבוד, "ומי שאמר לעולמו די יאמר לצרותינו די", אז מען זאל שוין זוכה זיין אז דער ענין פון 'אני יוסף', דאס התגלות פון די שבטי י-ה, און דאס התגלות פון דער גאולה זאל מען זוכה זיין במהרה בימינו, אמן.

## וְהִגַּדְתֶּם לְאָבִי אֶת כָּל כְּבוֹדִי בְּמִצְרַיִם וְאֵת כָּל אֲשֶׁר רְאִיתֶם וּמִהַרְתֶּם וְהוֹרַדְתֶּם אֶת אָבִי הֵנָּה.

**יוסף** האט געזאגט פאר די ברידער, אז זיי זאלן פארציילן פארן טאטן וואספארא כבוד ער האט אין מצרים, און אלץ וואס זיי האבן געזען, און זיי זאלן אראפברענגען דעם טאטן אהער.

**א)** בפשטות זעט אויס פונעם פסוק, אז דאס וואס יוסף האט אסאך כבוד, וועט זיין א בשורה טובה פאר יעקב. אבער לכאורה דארף מען פארשטיין: זינט ווען איז א מעלה ביי אן ערליכן איד אז מען האט כבוד? פארקערט, יעקב אבינו, האט זיכער מחשיב געווען 'שפלות' - נישט 'כבוד'?

**ב)** אויך דארף מען פארשטיין דאס ווארט וואס ער לייגט צו: כְּבוֹדִי '**בְּמִצְרַיִם**', וואס איז די מעלה פון כבוד וואס מען באקומט פון אזא נידריג פאלק ווי די מצריים? עס איז דאך א חסרון נישט קיין מעלה?

**ג)** אויך דארף מען פארשטיין, וואס איז ער מוסיף מיט די ווערטער: "וְאֵת כָּל אֲשֶׁר רְאִיתֶם" - און אלץ וואס עטץ האט געזען. וואס איז דא די כונה?

**ד)** אויך דארף מען פארשטיין, פארוואס האט יוסף מטריח געווען דעם טאטן אראפצוקומען צו אים, מצד כיבוד אב וואלט ער דאך געדארפט גיין צום טאטן? נאכדערצו אז עס קוקט אויס, כאילו דער ענין פון 'כל כבודי במצרים' איז א נתינת טעם צום 'והורדתם את אבי הנה', אז וויבאלד איך האב כבוד, דערפאר זאלט עטץ אראפברענגען דעם טאטן אהער. וואס איז דאס א סיבה, צו מטריח זיין א טאטן?

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. מען קען צושטעלן א דמיון צו א מעשה וואס איז געווען ביים הייליגן צאנזער רב זי"ע, אז ער איז געפארן צום רבי'ן רבי הערש פון רימנוב זי"ע אויף שבת פרה. ווען דער רבי ר' הערש האט אים געטראפן,

האט ער אים געפרעגט: **"צאנזער רב, איר זענט דא פאר א 'בוררות'?"**. (ווייל דער צאנזער רב מיט זיין חבר רבי שלום קאמינקער זי"ע זענען געווען גאוואלדיגע חריפים אין חושן משפט, און אלס אינגעלייט האבן זיי געפירט גרויסע דיני תורות). און עס איז אים בכלל נישט איינגעפאלן אז ער איז געקומען צו אים אויף שבת. האט אים דער צאנזער רב געענטפערט: **"מיר האבן בקבלה, אז פרשת פרה דארף מען זיין ביים צדיק הדור!"**. האט דער צאנזער רב שפעטער מעיד געווען: **"איך האב געזען** (ער האט געהאט אויגן צו זען...), **אז פון פאַרן זאגן אז איך בין געקומען צום צדיק הדור, ביז נאכן זאגן - איז גארנישט געווען קיין שום שינוי ביי אים! ווי גלייך מען מיינט נישט אים!"**.

**מען** קען אפשר זאגן, אז דאס גופא איז טאקע א סימן אויף א צדיק הדור, אז ער ווערט נישט נתפעל פונעם כבוד וואס מען טיילט אים צו אלס צדיק הדור, נאר ער האט די מדה פון 'השתוות', צו זיין אלעמאל דער זעלבער.

**דאס** האט יוסף געזאגט פאר די ברידער: **"וְהִגַּדְתֶּם לְאָבִי אֶת כָּל כְּבוֹדִי"** - איר זאלט פארציילן פארן טאטן, אז כאטש איך באקום אזויפיל כבוד - וואס דאס וואלט געקענט גורם זיין אז איך זאל ווערן בגאות, נאכדערצו **"בְּמִצְרַיִם"** - אין אזא נידריג פלאץ ווי מצרים, וואס דארט ווערט געווענליך א מענטש אסאך מער אראפגעשלעפט אין שטותים והבלים, און ממילא איז דארט דער נסיון פון ווערן נתפעל פון כבוד אסאך מער, און מיט דעם אלעמען זאלט איר דערציילן **"וְאֵת כָּל אֲשֶׁר רְאִיתֶם"** - דאס וואס עטץ האט געזען אז דער גאנצער כבוד האט מיר גארנישט אויסגעמאכט און איך בין געבליבן דער זעלבער ווי פריער. און אויב אזוי **"וּמִהַרְתֶּם וְהוֹרַדְתֶּם אֶת אָבִי הֵנָּה"** - זאל דער טאטע אויך קומען צו פארן אהער, ווייל אז מען קען באקומען אזויפיל כבוד און נישט ווערן נתפעל דערפון, איז עס א בחינה פון א 'צדיק הדור', וואס מען דארף פארן צו איהם און דער טאטע וועט אודאי הנאה האבן דאס צו זען.

**עס** קען זיין אז דאס איז מרומז אינעם לשון רש"י אין פרשת ויחי (בראשית מז, לא): "תעלא בעידניה סגיד ליה". 'תעלא' איז א לשון פון 'עליה', אז וויבאלד יוסף איז יעצט אין א זמן פון 'עליה', וואס ער איז גרויס אין צדקות, א בחינה פון א צדיק הדור, דעריבער האט ער א כח אויפצוהייבן אלע אידן מיט זיך, און ממילא - סגיד ליה - דארף מען גיין צו אים.

## שיחות וסיפורים - ממה שסיפר תחת השיחים במשך השנים

### הרה"ק רבי משה לעלוב'ער זי"ע - י"ג טבת תרי"א לפ"ק

עטץ וועט אים נישט קענען עד ביאת גואל

**ווען** רבי משה'לע לעלובער איז ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל, האט ער זיך געזעגנט פון שטאט פשעדבורז וואו ער האט געוואוינט. האט ער געזאגט אזוי: "עס איז געווען א מסכת וואס האט געהייסן 'רבי דוד'ל לעלובער', וואס ער האט זיך אזוי אויסגעארבעט, אז זיינע רבי'ס האבן אים נישט געקענט. זאג איך אייך: עס איז געווען א מסכת משה לעלובער, וואס עטץ האט אים נישט געקענט און עטץ וועט אים נישט קענען עד ביאת גואל, זייט מיר געזונט פשעדבורז!".

ער איז שוין נישט געווען אויף דעם עולם

**דער** גוטער יוד פון ניישטאדט הרה"ק ר' יאסעלע זי"ע האט געוואלט פאָרן זיך באזעצן אין ארץ ישראל, האט ער געפרעגט דעם הייליגן צאנזער רב זי"ע צי ער מעג פארן, האט ער אים געענטפערט: ניין! האט דער גוטער איד געפרעגט: "רבי משה'לע לעלובער איז דאך יא געפארן?". האט אים דער צאנזער רב געענטפערט: "האַ? רבי משה'לע לעלובער איז שוין צוויי יאר פאַרן הסתלקות נישט געווען אויף דעם עולם!".

**קומט** אויס, אז ער איז נישט געפארן קיין ארץ ישראל פון **דעם** עולם, נאר ער איז געפארן פונעם עולם העליון... נו, צו פארן קיין ארץ ישראל פונעם עולם העליון איז אן אנדערע זאך.

א שיינער קעסט...

**רבי** משה'לע לעלובער איז געווען אן איידעם ביים יוד הקדוש. ביים שידוך האט דער יוד הקדוש געפרעגט פון רבי דוד'ל לעלובער: "נו, וואס וועט זיין מיט קעסט?". האט רבי דוד'ל געזאגט: "אויף א וואָר משה'לע, אז איך וועל האבן א בראַטל וועסטו עסן פון מיר, און אז דו וועסט האבן א בראַטל וועל איך עסן פון דיר".

זעט אויס אז דער יוד הקדוש איז געווען צופרידן פון אזא קעסט...